# יענטעלע רויט- מענטעלע

געווען אַ מאָל אַ מיידעלע, יענטעלע. האָט איר די באָבע אויף יום- טוב געשאָנקען אַ רויט מענטעלע. דאָס מענטעלע האָט איר זייער געפּאַסט.
זי פֿלעגט עס תּמיד טראָגן אין גאַס, און אַלע האָבן זי גערופֿן
רויט- מענטעלע.
איין מאָל, פּורים ,זאָגט צו איר די מאַמע :
- טו אָן דאָס רויטע מענטעלע ,נעם אַ המן- טאַש, אַ שטרודל,
אַ פּורים-קוילעטש, פֿלאָדן ,און טראָג אַוועק דער באָבען שלח-מנות, זי זאָל האָבן צו פֿאַרבייסן נאָכן תּענית. נאָר זע, זאַם זיך ניט לאַנג אין וואַלד.
וואָלף איז הײַנט בייז, פֿוקסן זוכן קעז. גיי געזונט און קום געשווינד.
דאָס מיידעלע האָט אָנגעטאָן דאָס רויטע מענטעלע, גענומען המן- טאַש, שטרודל, אַ פּורים-קוילעטש, פֿלאָדן, זיך געזעגנט מיט דער מאַמען און אַוועק צו דער באָבען.
גייט זיך דאָס מיידעלע אין וואַלד און טראַכט אַלץ:
- ווו זעט מען וואָלף וואָס איז בייז? און פֿוקס וואָס זוכט קעז?
און ווי זי טראַכט אַזוי באַווײַזט זיך פֿאַר איר אַ וואָלף?
- גוט-פּורים, מיידעלע ווו גייסטו עס אַזוי אין וואַלד?
- איך טראָג דער באָבען שלח-מנות, זי זאָל האָבן צו פֿאַרבײַסן נאָכן תּענית.
אָט איז אַ המן-טאַש,שטרודל, אַ פּורים-קוילעטש, פֿלאָדען.
- ווייסטו וואָס מיידעלע? - זאָגט דער וואָלף-
- כ'וועל לויפֿן דער באָבען די בשׂורה זאָגן, אַז דו קומסט איר שלח-מנות טראָגן.
וואָלף האָט זיך הענדום- פּענדום געלאָזט לויפֿן ,דער באָבעס שטוב געטראָפֿן, און אין טירעלע אָנגעהויבן קלאַפּן.
טוק- טוק- טוק- טוק.
- באָבעניו, באָבעניו, עפֿן מיר אויף! דאָס בין איך רויט-מענטעלע,
דיר געבראַכט שלח-מנות, זאָלסט האָבן צו פֿאַרבײַסן נאָכן תּענית.
- גיב מיטן הענטעלע אַ צי דאָס שנירעלע, וועט זיך עפֿענען דאָס טירעלע.
וואָלף האָט אַ צי געטאָן דאָס שנירעלע, געעפֿנט דאָס טירעלע, אַרײַן אין שטיבעלע, צו באָבעס בעט צוגעלויפֿן און:
- האַם האַם! האַם האַם!
די באָבעניו אײַנגעשלונגען.
דערנאָך אירע קליידער אָנגעטאָן און זיך צו איר אין בעט אַרײַנגעלייגט.

און רויט- מענטעלע איז געגאַנגען איןוועלדעלע ,זיך געיאָגט נאָך אַ שעפּעלע, געהוידעט אויף אַ ברעטעלע, און ערשט פֿאַרנאַכט צו באָבעס שטיבעלע געקומען.
טוק- טוק- טוק- טוק.
באָבעשי, באָבעשי, עפֿן מיך אויף! דאָס בין איך, רויט- מענטעלע, דיר געבראַכט שלח-מנות, זאָלסט האָבן צו פֿאַרבייַסן נאָכן תּענית.
אָט איז אַ המן-טאַש, שטרודל, אַ פּורים-קוילעטש ,פֿלאָדן.
- גיב מיטן הענטעלע אַ צי דאָס שנירעלע, וועט זך עפֿענען דאָס טירעלע, זאָגט דער וואָלף.
דאָס מיידעלע האָט מיטן הענטעלע אַ צי געטאָן דאָס שנירעלע ,
געעפֿנט דאָס טירעלע אין שטיבעלע, אַרייַן צו באָבעס בעט צוגעלאָגפֿן און פֿאַרוווּנדערט שטיין געבליבן.
-באָבעשי, באָבעשי! וואָס האָסטו אַזעלעכע לאַנגע פֿיס?
- איך זאָל בעסער לויפֿן ,מייַן פֿייגעלע.
- באָבעשי ,באָבעשי וואָס האָסטו אַזעלעכע לאַנגע הענט?
- איך זאָל דיך בעסער אַרומנעמען מייַן אוצרל.
- באָבעשי ,באָבעשי! וואָס האָסטו אַזעלעכע ברענענדיקע אויגן?
- איך זאָל דיך בעסער זען, מייַן גאָלד.
- באָבעשי, באָבעשאָ! וואָס האָסטו אַזעלעכע שפּיציקע ציין?
- איך זאָל דיך אויפֿעסן.
וואָלף האָט ברייַט דאָס מויל געעפֿנט און זיך אויפֿן מיידעלע געלאָזט.
האָט זי אַ גרויסן געשריי געטאָן. ניט ווייַט איז יחיאל דער וואַסער-טרעגער געגאַנגען, איז ער אין שטיבעלע אַרייַן, דעם וואָלפֿס בויך צענומען און די באָבע, א פּרישע ,אַ לעבעדיקע, אַרויסגענומען. האָבן זיי זיך שטאַרק געפֿרייט ,אין ראָד געדרייט ,אַ פּורים-קוילעטש אין דער לענג ,אַ המן-טאַש אין דער ברייַט, און ס' איז גרויס געווען די פֿרייד.

## אַ שפּרונג און אַ לאָף
## צו דער מעשׂה אַ סוף.

אויסצוג פֿון :
פֿאַר קליינע קינדער- צען מעשׂהלעך
קולטור- ליגע - וואַרשה 1921

YENTELE ROYT-MENTELE

Geven a mol a meydele, Yentele, hot ir di bobe oyf yontev geshonken a royt mentele. Dos mentele hot ir zeyer gepast. Zi flegt es tomid trogn in gas, un ale hobn zi gerufn royt mentele.
Eyn mol,Purim, zogt tsu ir di mame:
-Tu on dos royte mentele, nem a homentash, shtrudl, Purim koyletsh, flodn, un trog avek der boben shlakh- mones, zi zol hobn tsu farbeysn nokhn taanis.Nor ze, zam zikh nit lang in vald. Volf iz haynt beyz, fuksn zukhn kez.
Dos meydele hot ongeton dos royte mentele, genumen homn-tashn, shtrudl, a purim koyletsh, flodn, zikh gezegnt mit der mamen un avek tsu der boben.
Geyt zikh dos meydele in vald un trogt alts: vu zet men volf vos iz beyz? Un fuks vos zukht kez?
Un vi zi trakht azoy, bavayzt zikh far ir a volf.
-Gut Purim, meydele! Vu geystu es azoy in vald?
-Ikh trog der boben shlakh- mones, zi zol hobn tsu farbeysn nokhn taanis. Ot iz a homentash, shtrudl, Purim koyletsh, flodn.
-Veystu vos meydele?- zogt der volf- Ikh'l loyfn der boben di besore zogn, az du kumst ir shlakh- mones trogn.
Volf hot zikh hendum -pendum gelozt loyfn, der bobes shtub getrofn, un in tirele ongehoybn klapn:
Tuk-tuk –tuk-tuk!.
-Bobenyu, bobenyu, efn mikh oyf! Dos bin ikh royt mentele, dir gebrakht shlakh- mones, zolst hobn tsu farbeysn nokhn taanis.
-Gib mitn hentele a tsi dos shnirele, vet zikh efenen dos tirele.
Volf hot a tsi geton dos shnirele, geefnt dos tirele, arayn in shtibele, tsu bobes bet tsugeloyfn, un
-Ham,Ham! Ham, Ham! Di bobenyu ayngeshlungen.
Dernokh ire kleyder ongeton un zikh tsu ir in bet arayngeleygt.
Un royt-mentele iz gegangen in veldele, zikh geyogt nokh a shefele, gehoydet oyf a bretele, un ersht farnakht tsu bobes shtibele gekumen.

Tuk-tuk–tuk-tuk!.

-Bobeshi, bobeshi, efn mikh oyf! Dos bin ikh, royt mentele, dikh gebrakht shlakh -mones, zolst hobn tsu farbeysn nokhn taanis.Ot iz a homentash, shtrudl, Purim- koyletsh, flodn.
-Gib mitn hentele a tsi dos shnirele, vet zikh efenen dos tirele -zogt der volf.
Dos meydele hot mitn hentele a tsi geton dos shnirele, geefnt dos tirele, in shtibele arayn, tsu bobes bet tsugelofn un farvundert shteyn geblibn.

Bobeshi, bobeshi ! Vos hostu azelekhe lange fis ?
-Ikh zol beser loyfn, mayn feygele !
-Bobeshi, bobeshi ! Vos hostu azelekhe lange hent ?
-Ikh zol dir beser arumnemen, mayn otsrl !
-Bobeshi,bobeshi, vos hostu a zelekhe brenendike oygn ?
-Ikh zol dikh beser zen, mayn gold.
-Bobeshi, bobeshi! Vos hostu azelekhe shpitzike tzeyn ?
-Ikh zol dikh oyfesn !
Volf hot breyt dos moyl geefnt un zikh oyfn meydele gelozt.
Hot zi a groys geshrey geton. Nit vayt iz Yekhiel der vaser -treger gegangen, iz er in shtibele arayn, dem volfs boykh tsenumen un di bobe a frishe, a lebedike aroysgenumen.
Hobn zey zikh shtark gefreyt, in rod gedreyt, a purim- koyletsh in der leng, a homen- tash in der breyt- un s'iz groys geven di freyd.

***A sprung un a lof***
***Tsu der maase a sof.***

Extrait de : tsen maselekh far kleyne kinder. (S.gitelis)
Ed : Kultur Lige –Varsovie -1921